STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01557

LIDER

N. B. Minkoff

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence & Yvette Gralla
in honor of
the Glickenstein & Gralla Families

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעוואַנט פּרעס
478
16 2־טע סט., ניו יאָרק

דר. מלך כמעלניצקי,
מיט גרוס,
נ. מינקאָוו

דעצ. 23, 1938

נ. ב. מינקאָוו

לידער

פאַרלאַג „אינזיך",
ניו יאָרק
1924.

Copyright, 1924
N. B. MINKOFF
New York, N. Y.

אינהאַלט:

אין אָוונט — 7
פאַר מיר... — 8
דער לעצטער רייטער — 10
קנעכט — 12
אונזער קיניג יעזוס — 14
נאָווי — 16
מיינע הענט — 17
הערבסט — 18
וואַרטנדיק — 20
לעבן — 22
לאַנדשאַפט — 24
מיט זיך — 25
איך וואָלט גראַוויִרט — 26
טאַנגאָ — 27
די דאַמע, וואָס שווייגט — 28
פאַגאָדאַ — 30
צו מיין הויז — 31
NOVEMBRE APPROCHE — 32
בערסעז — 34
שטילע טענער — 36
דער שטומער — 37
דאָס געוויין פון רייכער פאַרנונפט — 38
שלאָפלאָזע נעכט — 45
דאָס געוויין פון ווינטערלאַנד — 46
צום ווייטן, ווייסן האָר — 47
דערוואַכונג — 48
צוריק — 49
דער לעצטער זיג פון אונזער אַלטן קריגער — 50
אַליין בין איך... (סאַנעטן־קראַנץ) — 53
צו דער וואָס נעכט... (ווילאַנעלן) — 71

ביכער־זאַמלונג
פון ד״ר מ. כמעלניצקי ע״ה

אין אָוונט

דו ביסט ווי דער הימל פֿאַרשלאָסן.
פֿאַרנעמען דיך קען איך ניט.

גייען די שאָען צו דיר
און מיר ווערט אַלץ לערער
מיין לעבן.

עס קומען און גייען פֿאַרביי מיר
פֿורעמס פֿון לאַנג שוין געשטאָרבענע,
און ברענגען דאָס שטראַלן פֿון דיר.

איך באַגער דיין געמעל פֿון אַ מענטשן,
איך וויל דיך פֿאַרנעמען.

גרוי איז געוואָרן מיין האַרץ.
אויף מיינע פֿינגער שלאָפֿט דער טויט.

פאַר מיר . . .

פאַר מיר האָסטו געצונדן מאָרגן-גרין,
פאַר מיר האָסטו צעוואָרפן מאַטע קופּער-פּאַסן אונטער
מײַנע טריט,
אַ ברייטער וועג צעוואַקסט זיך שטראַלנדיק צום הימל
און בײַ די זייטן ווײַנען פרײדיק פעלדער, גאַרנדיק נאָך
שניט.

עס וועלן ווערן פרײַ דער זאַנג, דער מענש, דער בוים,
און אַלץ וועט ציען אויפ'ן ברייטן וועג צו דיר,
אַלץ וועט וויגן זיך אַרום דײַן ליכט מיט גאַרנדיקן שוים,
און אויפגיין וועט יעדע זעל פון דײַנס אַ ריר.

אַן אַלט פאַרלאָזן הויז — געבליבן איז בײַם זייט פון אַלע
וועגן,
קיינער האָט ניט אומגעקערט זײַן האַרץ און יעדער האָט
געהערט איר רוף,
און ס'האָט דער ברייטער שטראַלנדיקער וועג געשמייכלט
ביטער
אויף דעם פאַרײַנזאַמטן און כאָרעוודיקן הויז.

פון מיין לייכטנדיקן, לאַנג-געגאַרטן שליאַך בין איך אַראָפּ,
און בין אַוועק דורך ווילדע גראָזן, וואַלד און פעלד און
שימלענדיק וואַסער.
אַלט און האַלב-צעפאַלן איז געווען דאָס הויז, און דו ביסט
שוואַרץ געווען,
נאָר טויטלאַך שיין און רייצנד, ווי אַ טונקלדיקע זון.

אַ שווערער כוישעך איז ביים אָונט צוגעפאַלן,
עס האָט די אַלטע כורווע אָנגעהויבן שטראַלן,
איך האָב זיך פלוצים אויף מיין פריערדיקן וועג געפונען,
אויסגעלאָשן איז דער וועג געווען
און זילבער האָט דאָס פינסטערניש געגאָסן אין מיין זעל.

דער לעצטער רייטער

ביים ראַנד פון אָוונט-ערד
רוט אויס דער לעצטער רייטער אויף זיין מידן פערד —
די לעצטע רעגעס פאַר זיין טויט.
אַ בלויער רייטער קעגן טונקל-רויט,
און אַלטער רייטער קעגן שוואַרצן רויט,
קעגן שוואַרץ,
קעגן טויט.

דער לעצטער שווערד
ליגט טויט אויף דער קילער ערד.
מיין דויער האָט דעם גאַנצן גאַנג צעשטערט.
מיין ווילן וועט אויפסניי איצט בויען
אַן אַנדער וועלט.

עס וועלן היינט נאָך ראַשיקע געוויסערס מיט פולע ברוסטן
פרישן קויעך
אַראָפּשווענקען ווילדע האָרדעס שטעט מיט מיריאַדן שקלאַפן,
אַלע ברומענדיקע שיפן, אַלע וויגעדיקע וועלדער-מאַסטן,
אַלע לאַסטן פון דער ערד.

הײנט נאָך שלים איך בונד מיט לעמפּערט, שעפּס מיט לײב
אוּן קאַלב,
מיט הערשער, שקלאַף אוּן הימל.

װײַט איז שױן דער ראַנד פוּן אָוונט־ערד.
װײַטער נאָך דאָס פינסטערגיש, װאָס האָט דעם טױט
געבערט.
עס גײט שױן אױף אַ שאָטן־רײַטער אױף זײַן אַלטן פערד
קעגן פינסטערניש,
קעגן שװאַרץ,
קעגן טױט.

ק נ ע כ ט

איבער מיין לעבן גייט אויף אַ בראַנדיקער מיזראַך.
עס שרייען מיט סרייפעס די גרונטן פון בלוטיקער ערד,
און דו רוסט אַ טונקעלן שווייגן
אין שטילקייט פון דעמערונגס ווינקלען.

געקומען בין איך מיטן מיזראַך
און אַליין בין איך שקלאַף.
עס לאָדן מיך אָן מיינע טעג מיט באַגערן צו דיר.
איך טראָג דיר ניט־דרייסטע און ווייפולע סוידעס,
און ביי דיינע זוימען,
געפינסטו מיך אַ פינסטערן.

וואָס איז מיר דאָס לעבן אָן מיין פינסטערער נאַכט,
אָן וועלן דיך צערטלען מיט כווישעך?
איך פיל דיך צומאָל אין מיין גוף,
עס ברענט אין מיר זיג איבער דיין קילנדן סאָד
און כ׳ברייננג דיר שטיל צוריק מיין רויב.
איך בין אַ קנעכט אין דער אָרימסטער גאַס
און טויט איז מיר ליבער פון לעבן,
עס האָבן מיך סרייפעס גענאַרט,
און פרעמדע מילכאָמעס גערויבט מיר מיין טויט,

— קלייב איך אין קנעכטשאַפט דעם שיין פון דיין וועזן
און בראָנזענע שפּיזן פון נאַכטלאַכער זון.
איך טראָג צו דיר שוואַרץ-הייסן פייער,
צאַרטקייט פון טויט.
לעבן דעם ראַנד פון מיין אייגענעם לאַנד,
געפינסטו מיך אַ פינסטערן.

אונזער קיניג יעזוס

דו פרייד פון ווירדיקער נעקאָמע,
דו טרייסט, וואָס יעדער גרייט פאַר זיך זיין שטראָף.
היינט איז דער גרויזאַמער קיניג שוין טויט.
עס שוויגן אַלע פליגל הילפלאָז אויף דער ערד
און שטיל, פאַרבאָרגן טרינקט זיך פרייד אין יאָמען ליכט.
דער קיניג שלאָפט אין טונקלקייט,
עס שלאָפן שטייענדיקע, שטאָלעצ היטער אַרום אים.
דער הויף-נאַר פול מיט וואַרימער נעקאָמע וואַכט ביים
קיניגס פיס.

דו גרויסע טרייסט, דו נאַר,
דיין האַנט איז דאָך ניט דיינע,
דיין האַרץ איז מיינס,
דער קיניג איז קיין קיניג ניט געווען,
איך, דער נאַר, האָב אויסגעטראַכט דעם טראָן פאַר אים.
איינגעצאַמטע היץ, פאַרדראָס און טרינקנדיקער צאַר,
לאַנגע, לאַנגע שאָען פון גליקזעליקן געווייַן,
טונקל-הייסע כוואַליעס, וואָס אַנטפּלעקן כויו און סכאַר
און זין.
ביי טאָג אַ נאַר פאַר עסן און אַ בעט.
אונטערטעניק אויסוויצלען דעם לעצטן טראָפּן אומווירדיקן
קנעכט.

אין בלוי-נאַכט-שאָען גלייכט דאָס פינסטערניש מיין מאַסקע
גרויזאַם אוים.
אין בלוי-נאַכט שאָען רוף איך דיך, מיין קיניג,
און וועק דיין מערדער-האַרץ
און בעט טרייסט און ראַכמים
און מילד פלעגט דיין געלעכטער שפּאַסיק ווײַנען.
געבענטשט זייט, הויכע, בלויע נעכט,
איר טרעפן צו דעם קיניגס טראָן,
און דו, דו ווייסער שוים אויף מיין צעעפנט מויל.
און ס'האָט דער נאַר און אַלע שטאָלצע היטער
געזען ווי שראָצים קרייציקן דעם קיניג,
ווי זיין שאָטן האָט זיך מאַיעסטעטיש אויף זיין טראָן
געזעצט
און אַקטיאָריש-ווירדיק אין אַ דערנער-קראַנץ פאַרגאַנגען.
דו גליק פון שפּאַס,
דו גליק פון ביטערן און גרויען, דעמערדיקן לאַנגוויל.

נאָווי

איבער זיין קאָפּ
האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַ סטאַיע פייגל.
זיין האַרץ איז אויף אַ רעגע אָפּגעשטעלט,
און פלאַקערט מיט פייער פון נעוואוע.
בלינדע האָבן מיט דערשטוינטן שרעק
דאָס ליכט דערזען,
געפּאַלענע און קראַנקע
הייבן זיך אין גלויבן,
און קינדער לאַכן הילכיק.
מיט איימע האָט אַן אַלטער אָפּגעלעבטער גוואַר
געפּלאַפּלט צו זיין זון —
„זע זע, דער נאָווי גייט...
דו זעסט?
אַ ליכט-קוואַל שלאָגט
פון זיין פייערדיק האַרץ,
עס האָט נאָך קיינער ניט באַרירט דעם הימל
מיט זיין קאָפּ, ווי ער,
און פליען איבער אים קען קיינער.

עס האָט אַ סטאַיע פייגל
זיך אַ לאָז געטאָן איבער זיין קאָפּ
און ער — אַ בלינדער
גייט דער פינסטערניש אַנטקעגן
פאַרוים און שטום.

מיינע הענט

. . . אָט זיינען מיינע הענט
און אָט בין איך אַליין.
פאַר אַלע זינד,
פאַר אַלץ —
אָט זיינען מיינע הענט.
אין מיינע שאַרפע פּלייצעס
טראָג איך אַלע זינד פון מיינע זיידעס.
אין מיין ביינערדיקער ברוסט
האָב איך פאַרקניפּט
די זינד פון די קומענדיקע דורעס.
מיינע בלוטן האָב איך אַריינגעבייטשט אין מיינע הענט.
אָט זיינען זיי.
אָט האָב איך געעפנט זיי פאַר דיר
און צאָל פאַר זיך,
און צאָל פאַר דיר,
און צאָל פאַר אַלעמען,
און צאָל — — —
און צאָל — — —

האַרבסט

אונטער מיינע וויעס צאַנקט דאָס ליכט פון מיינע
גאָטספאַרכטיקע זיידעס,
מיינע אַקסלען זיינען דין געוואָרן פון די אויסגעצערטע
נעכט.

מיין האַרץ איז קאַלט.
אין מיינע אויגן ברענען רעגנבויגנס,
וואָס גיסן זיך פון ווייטיק ווייט פאַנאַנדער, —
נאָר הויך דעם קאָפּ פאַריסן,
ווי גאָט געטריי
היט איך אָפּ די שוועלן פון מיין מוטערס הויז.
איך בין גרייט צום קריג,
פאַרשטיקן וועל איך יעדן פלאַם,
וואָס וויל פאַרברענען מיינע טונקל־שטרענגע נעכט.
מיין האַרץ איז קאַלט.
פאַרוואָס בין איך געקומען אַזוי פרי?
בין איך דער לעצטער שוין,
מוז איך אַליין נאָך שטומען אין די גאָלדיק־דעמערדיקע טעג?
צי וועט מיין צונג נאָך אויפגעבונדן ווערן?

איצט רו איך —
די קראַנקע רו, וואָס קומט אויף מיינע אויסגעצערטע נעכט.
עס וויינען קילע שאָען לעבן מיינע שוועלן
און זאָגן אָן —
אַז ס'וועט קיינמאָל ניט פאַרלאָשן ווערן
דאָס ליכט פון מיינע גאָטספאָרכטיקע זיידעס.

וואַרטנדיק

טעג און נעכט
טעג און נעכט
ברענען אין מיין זיקאָרן.
איך האָב זיי קיינמאָל ניט געקענט.

מיין שווייגן ברענט.
און אין די דורכזיכטיקע רויטע פלאַמען
שווימען גרינע פיש —
רואיק.
פון דעם שוואַרצן רויך
רייסן זיך האַלב-צעריסענע וואָלקולאַקן
צו דעם טויטן הימל.
עס רוקט זיך צו אַ בוים צו מיר —
שווייגט —
און ווערט פאַרשוואונדן.
אויף זיין אָרט
אַ הירש,
פאַרגייענדיק זיך אין געוויין.
געלע טייכן פליסן לעבן מיר —
פאַרשטומטערהייט
באַווייזן זיי מיר זייער צאַר.

און צו וואָס ?
עס וויינען מיינע הענט
און מאָנען :
זע—
אַלץ האָט זיך פאַרפלאָנטערט
אין דעם האַרצלאָזן געוועב,
און דו — צווישן זיי,
און קראַנק ביזטו. —

לעבן

נאָך די סרייפעס
בין איך אויף דער פרישער ערד אַרוים. —
רועך. וואַקסן. שפינען
פּאַראַלעלאָגראַמען.
און ווי אויפגייענדע גאַמען
לויכטן — שאָטענען —
ווערן ניט — און ווערן
קוואַדראַטן, ראָמבן, און טראַפּעציעס.
פאַר אייביק-טוישנדע קאָנצעפּציעס
פון צייט און רוים
זיינען מיינע ביינער — פאָרמולעס.
אומעטיקער שוים
באַצירט די ברעגן פון מיין בלוט.
נעקאָמע — גלוט —
מיין האַרץ האָט אַלץ פאַרגעבן,
און ליכטיק איז דאָרט ווידער אויפגעגאַנגען
אַ קוואַל פון שטראָמענדיקן לעבן
אין פאַרפלייצט די אַלע היפּאָטעזן —
בעקאַר, בעמאָלן, און דיעזן
פון אייביק-פליסנדיקער רו.

עס וואַקסן. טוישן. שפּינען.
לויכטן. שאָטענען און שטראַלן
פּאַראַלעלאָגראַמען —
ווי איינסאַך-אויפגייענדע גאַמען.
אין זיי — דער כראָמאַטישער, אייביקער גאַנג
פון מענש — און שלאַנג —
פון טויט, און קלאַנג — געשטאַלטן פּאָליגאָנישע,
פון שטראַלנדע מיסטעריעס, און גייסטער קאַקאָפאָנישע.
ווען איך קען די גלייכע ליניע צעשטערן,
וואָלט איך פאַרבאָרגענע דימענסיעס אַנטפּלעקט
און אַ נייע וועלט באַשאַפן.
און אַזוי — מוז איך נידערן,
אַלץ פאַרגעבן, אַלץ נאָר גלידערן.
אין געהאָרכזאַמקייט זיך נויגן
און מיין וועזן בויגן
פאַר דעם שטראָם פון מיליאָנען, פון מיליאַסן
פּאַראַלעלאָגראַמען,
וואָס שפּיגלען אָפּ דעם אינטעלעקטועלן טוישן זיך
פון וואָלקנס, גאָט —
אין הענגענדיקע יאַמען בלויער ווייזהייט.

לאַנדשאַפט

פון הינטער ווייסע נעפּלען
וועל איך דיך ברענגען צו דיין רו.
איך וועל אויפוועקן די דרעמלענדיקע וואַסערן,
וואָס כאַלעמען פון דיינע לעצטע לידער.
זילבערנע קריגלאַך מיט בלויע פייערן
וועל איך דיר שענקען.
באַנעם דעם צאַר פון פלאַמען.
אָטעם מיט מיינע פאַרדראָסן.
לאָז מיין בויגן איבער דיינע סטרונעס ציען.
זאָל זיך רויטלען דאָס גאָלד פון דיין קלאַנג.

מיט זיך

פאַרוואָס שטערסטו מיין רו?
פאַרוואָס שיקסטו מיר צו
ניט געבעטענע געסט?

הינטער אייזערנע גראַטעס,
הינטער פאַריגלטע טויערן
וואַרט איך אויף קיינעם ניט.

שיקסט צו מיר נאַכטפייגל
אָנזאָגן בסורעס פון קומענדן ליכט
אויף מיין טויטן געזיכט.

איך וויל ניט קיין ליכט.
פון טונקלקייט קומט צו מיר רו.

מיר איז גוט אין איינזאַמקייט.
מיר איז גוט אין טונקלקייט.
ליכטיק אויפגיין פאַר זיך אַליין.

איך וואָלט גראַווירט

איך וואָלט גראַווירט פאַר דיר געמיטער ווייכע,
שטראַלנדיקע רויכן, אויפגייענדע ווייטן,
אָפּשפּיגלונג פון זידלאַך-בויגנדיקער רו —

איך וואָלט געבראַכט צו דיר אַ שטילן טייך,
קופּאָלן הימל, לינדע שטראַלן לאַאָ-טזו —

בויט מיין טאָג גאָר שלעסער, קלויסטערס, הימל-לייטערס
צו דעם שטערן לאַדעגיו —

און איך אַליין — שוועב דורך ווענט און גאַסן, ווענט און
ווינקלען, פינסטערניש, צווישן-שטראַלן פון מיליאַסן
דורכגעקרייצטע אָפּשפּיגלונגען, שטיין און שטאָל.
איך וואָלט מיין אייגענע באַוועגונג אָפּגעשטעלט —
טראָגן דורשטן מיך און ברענענדיקע נעפּלען.

טאַנגאָ.

נאַכט.
זילבער־נאַכט.
אויפ׳ן הימל שלאָפן סטאַדעס לילאַ־האָזן.
צווישן הויכע וואַסער־גראָזן
פליסט דאָס ווייטע שפּיגל־גרין.
פון דעם זילבער־גרין
ציען זיך קוים הערבאַר, דין
באַנגע לידער פון די נעכט אין טורמדיקן טרויער,
פון דיינע קאַבאַלעראָס ביים אַזשור פון שפּעטן טויער,
און פון מיין צאַר.

עס ציט זיך לאַנג אַזוי די נאַכט.
עס וואַרימט זיך אַ זיסער שלאָף אַרום מיין מידן וועזן.
אין דער שטיל אַ גאַנצן טאָג געלעזן,
אין דער שטיל אַ גאַנצן טאָג געפלאַטערט
און געוואַרט.
דער דרויסן פליסטערט ווי פאַנטאַנען
און ס׳וויגט מיין שלאָף זיך אויף די טרויעריקע טאַנגאָ־לאַנען,
שוויגט מיין בענקען,
שוויגט מיין וויאַנען.
אין די ווינקלען דרעמלען נעצן שטראַלן.
וועל איך עפּשער פאַנגען מיינע זינקענדיקע קוואַלן.

די דאַמע וואָס שווייגט

אַ שמייכל האָט זיך ווייט צעשפּרייט
אויף נידעריקע גרינע גראָזן, קליינע הייזלאַך,
און שוואַרץ-רויכיקע פאַבריקן.
לויפן זיי און שווינדלען פאַר די אויגן,
נאָר דאָס בענקשאַפטלאַכע שווייגן
און דער שמייכל
שפּרייטן רואיק זיך
איבער מיינע זילבערנע טומאַנען,
בלויז טומאַנען ווייטע ווייסן אַלץ
און היטן יעדן וואָלקן פון מיין אומעט.
גיי איך לאַנגזאַם פון וואָקזאַל אַרויס
און איך כאַפּ זיך ניט, וואָס דאָ איז אַלץ געוואָרן.
שטייען זיי, די ריזן פון דעם שטיינערנעם ניו יאָרק
און דערציילן מיר די גאַנצע מייסע פון דעם סאַמע אָנהייב,
אַז ס׳איז אַ ליגן אַלץ.
די מיליאָנען הענט זיינען גאָר פאַרשלאָפענע געוועזן
און געגעצדיק
האָבן זיי לאַנגזאַם אויפגעבויט דעם שטיינערדיקן וואַלד.
די הימל-קראַצער קוקן לאַכנדיק צו מיר אַראָפּ.

מיט די בייכעדיקע באַקן
און לאַנגע, שמאָלע גופן
לאָכן זיי פון מיר
און פון מיין מוירע פאַר די בייזע פּענימער,
וואָס זיי ציען אַלעמאָל אויף זיך ארויף.
אַזוי פיל גליק און זון און זינען,
אַזוי פיל קויכעס און אומזיסטע אַנגסטן,
אומרו, מעשוגאַס און געוויין.
און ניט פאַרשטאַנען האָב איך
די שטיינערנע כאַלוימעס און די שטאָלענע געמיטן
פון מיין וויג — און דורכ׳ן אַספאַלטס אויפגאַנג
— צוריק צו מיין אויפגייענדער זעל.
טראָגט אַ שנעלער באַן פאַרבלאָנדזשעטע כאַלוימעס
פון אַ מענטשן, וואָס איז ניט געוואָרן ערגעץ־וואו,
און צעשפּרייט מיט טרויעריקן שמייכל און מיט אומעט
פלאַכע, גרינע לאַנען,
קליינע הייזלאַך
און שוואַרץ־רויכיקע און שרייענדע פאַבריקן
דורך די וויסטע פעלדער פון מיין האַרץ.

פּאַגאָדאַ

ווײַכע ווינטן אין מײַן צימער
דערציילן מיר דעם גאַנצן טאָג
פון דיר, פּאַגאָדאַ.

איך ליג איצט קראַנק אין בעט.
די דאַמע מיט די געלע שמעטערלינגען
שפּאַצירט אַרום אין גאָרטן מיט אַן אַנדערן.
וואַנדער איך דורך ביכער און זשורנאַלן
לאַנגע, שטילע שאָען.
דרעמלט אײַן מײַן הויז
און עס שווימען צו אַזויפיל זונעדיקע ברעגן.
עס פאַרנאַכט זיך שוין.
מאָרגן וועל איך צו דיר שרײַבן,
מאָרגן וועלן זעגלען זילבערנע זיך ציען
אויף די וואַסערדיקע וועגן צו דײַן לאַנד.
און דײַן שלאָס איז גאָר פאַרוואָרפן
אויף אַ שפּיץ פון ווײַטע, בלויע בערג.
מען זאָגט דו ביסט גאָר אַ כינעזישע פּרינצעסן
און אין מיט-נאַכט שאָען רוסטו אויף לויטער-אויפגייענדע
וואָלקנס,
און איך בין בלויז אַן אײַנוואוינער פון בראָנקס,
אַ קאַבצן און אַ נאַר.

פּאַגאָדאַ, ווען אין שווײַגנדיקע שאָען
וועלן פליגל פאָכן אַרום דיר —
דאָס איז מײַן בענקען
נאָך דיר, דו אײנזאַמע פּאַגאָדאַ פון די בלויע בערג.

צו מיין הויז

שטייסט פאַרלאָזן אין אַ וואַלד
איינזאַם ווי מיין זעל,
וואָיען ווינטן און פאַרשיטן
אַלע וועגן צו דיין שוועל.

גרויען לאַנגע, שטילע נעכט
אויף די קאַלטע, הויכע ווענט,
רוט מיין איינזאַמקייט אין מיר
וויביים קאַלטן שוועל די טיר.

וואַרטן אויף מיר מענשן וואו,
וואַרטן — איך זאָל קומען,
מיט מיין צייכן פון אַ שטומען
זאָל איך ברענגען פאַר זיי רו.

איך אַליין פאַרלאָזן דאָ
וואַרט אויף זיך, ווי דו, ווי זיי,
און פון לאַנגען וואַרטן דוכט מיר,
אַז מיין צייכן איז ניטאָ.

דיר איז גוט דיין שטילער אומגליק,
גוט — מיין איינזאַמקייט אין מיר,
מיר איז בעסער נאָך פון דיר
אין מיין שטומען אומגליק.

NOVEMBRE APPROCHE

איר צאַר האָט מיט בלוי־ווייכע נעפּלען געברענט אין דער
נאַכט,
שטיל האָט דער קישעף געשלייכט פון איר טפּילע־געזאַנג
צו די געטער,
און אָפּעליעס שטים האָט אַלץ געבעטן און געוויינט:
— צו וואָס דאַרף אָפּעליע די זילבערנע טעמפּלען און שקלאַפן
און רינדער און שאָף,
אַז איר גליק האַלטן די געטער באַהאַלטן,
פאַרוואָס זאָל אָפּעליע בעסער ניט זיין דער שטויב פון דער
ערד,
דער צאַר פון דעם ביטערסטן שקלאַף?
דו, פאַרכאָלעמטער זין,
פאַרבאָרגענער שוויגן און לאַנגוויל —

מיך האָט געזעליקט איר אומעט,
אין מיר האָט געפּריידיקט דאָס גאָלד פון פאַרדראָס.
איך בין שטאַרק און יונג
און פאַרוואָס איז אָפּעליע מיין סוינע?
און געשען איז, וואָס זי האָט באַפוילן.
קנעכט האָבן מיך איבער שטיינער און גאַסן געשלעפּט,
דו נאַקעטע ערד,
געבענטשט איז דיין שטויב און מיין בלוט.

צומאָרגנס האָט די זון מיך צערטלאַך געוועקט ביים בלאַטיקן שטאָל.
קייטן, שווייגנדע היטער און איך אליין — בליי.
אין ניו יאָרק האָט מיך קרעזוס באַפרייט
און געהייסן אַרויסוואַרפן צו די הינט.
מיט'ן אָוונט אין אַפּעליע געקומען און מיך ניט געטראָפן,
האָט מען ביים שיין פון שטורקאַצן קרעזוסן אין פּאָנים געשפּיגן
און מיינע וועכטער געקעפּט.

יאָרן פון קילנדע זונען און טרייסטלאָזן צאַר,
איך בין אַ בעטלער און אַלט און צעשפּאָלטן דער פאַרמעט אויף מיר.
אָפּעליע איז יונג ווי דער אייביקער קישעף פון געטער.
אין דער נאַכט ברענען טעמפּלען און ס'ציען זיך רויכן צום הימל
און אָפּעליעס שטים בעט אַלץ און וויינט: —
צו וואָס דאַרף אָפּעליע די זילבערנע טעמפּלען און שקלאַפן און קישעף,
פאַרוואָס זאָל אָפּעליע ניט קרייציקן איר איינציקן סוינע,
פאַרוואָס זאָל אָפּעליע ניט קענען געבערן אַ גאָט
אָדער קומען צו ראַנדן פון טויט?
דו, פאַרכאָלעמטער זין
פאַרבאָרגענער אומעט און לאַנגוייל. —

בערסעז

בלאָס־גרינע כוואַליעס —
בלאָס־גרינע כוואַליעס — לעבן מיינס,
מיד בין איך פון אייך.
זאָל אָנקומען אַ ווייסער וואל
און וויגן אייך און וויגן,
באַרואיקן
פאַרוויגן,
און איינשלינגען ביים בלויען שיין.

בלאָס־גרינע כוואַליעס —
ביים בלויען שיין פאַרשלונגענע.
בלויער שיין —
איך האָב ניט אָנגערירט די ברעגן דיינע
און זע —
ווי אומריין זיינען מיינע פינגער
און איך אַליין.
פאַרטרויסט ניט קיינעם
— בלויער שיין —
מיין בלינדן סוד.

ווייסע כוואַליעס — לעבן מיינס,
איך הער —
איר האָט אַ זיד געטאָן
און אויפגעקאָכט אַביסל זילבער־שוים.
באַלד וועט איר פאַרלאָשן זיין,
און שטיל,
שטיל.
איך?
ווייסע כוואַליעס —
אַלץ וועט זיין פאַרלאָשן
אַלץ וועט שלאָפן.

שטילע טענער

שטילע טענער,
כמורער הימל.
פייגל רייסן צו די וואָלקנס זיך.
עס וועט רעגענען, מיין קרוין.
פייגל וועלן ערגעץ וואו פאַרפליען
מיט פאַרבענקטע פליגל.

מאַטע טענער.
מיין פאַרוואָלקנט האַרץ
און דו, מיין בענקשאַפט, רייסט זיך צו די וואָלקנס הויך.
עס וועט רעגענען, מיין קרוין,
און דו, מיין בענקשאַפט, וועסט פאַרפליען ערגעץ וואו
מיט צעפליקטע פליגל.

דער שטומער

דרעמלענדיקע נעכט
בויגן שאָטנס איבער מיר
און מורמלען:
— גיי אים נאָך, דעם שטומען
וואָס קוקט דיר, ווי אַ קנעכט, אין דיינע אויגן,
וואַרטנדיק אויף דיר. —

גיי איך אים נאָך
דורך די שטראָמען פון דער קילער נאַכט.

ביי דער הויכער שוועל פון טאָג
ווערן אַלע שאָטנס מיט אים פאַרשוואונדן.
אַליין בין איך ביים שוועל געבליבן.
דער טאָג איז ניט פאַר אים געקומען.
ערגעץ שטיל
וויינט ער,
עס וויינען דרעמלענדיקע נעכט.

דאָס געוויין פון ריינער פאַרנונפט

זוניק איז מיין לויב, ווי פייער רויט מיין סינע
צו דיר, דו גרויזאַמע, ריינע פאַרנונפט.
אין גרינע שאָען פון מיין גאַנג
הייב איך קעגן דיר ווי אַ צעררייצטע שלאַנג
מיין בלוט-הייסן גוף.
יאַמען שוים פון אַן אָפּגענאַרטן נעס,
אַ פייער אויסגעבראָכן פון געצאַמטע טיפן
האָבן זיך באַפרייט פון מיר.
שטורמווינטן טראָגן זיי איצט ווילד צו דיר.
היים געוואָרן איז דער שאַרפער כוישעך,
וואָס קוואַלט אַלץ דורך מיין זעל.
אין די וואָרצלען פון מיין יעדער צעל
וויינען נאָדלען אוים די לעצטע בליטן לעבן,
פעך-שוואַרצע שטעט גייען איבער מיר
און טראָגן נאַכט.
נאָר אין מיין האַרץ גייען אויף פראַסטיקע שטראַלן
וואָס לויכטן פון דיר, ריינע פאַרנונפט.
עס וואַכן אויף און אַשן
ווייטע וויסטאַס ווייען
און בענקען נאָך געדאַנק.
פון אַ קוים-דערהערטער שטים
פון אונטער די רואינען פון מיין נעכטן

װאַקסט אַ יונגער װעג,
װאָס זאַפּט איין דעם קלענסטן שטעג
פון פליטערלאַך באַנאַלער שטימונג.
אַלע ברעגן, אַלע צאַמען, אַלע רוימען פון איין־סאָף
פאַרװיג איך אין אַן אייביק־שלאָף.
נאָר װיסט און פינסטער װערט דאָס לעבן
װען מאַכנעם בלינדע הונגעריקע ברידער
װאָיען צו מיר מאָדנע לויבן
פאַר דער ריינער פאַרנונפט פון מיין האַרץ.
און פון מיר רייסן זיך בענקענדיקע טויבן,
נאָך װייטע זונעדיקע שיפן
און אין מיינע טיפן
גייט אויף דאָס געװיין פון בודאַ און פון שטיין.

שלאָפלאָזע נעכט

דורך וואַלנדיקע רויע פלאַכן
פירן סוידעסדיקע שטעט געשפּרעכן
דורך דער נאַכט,
און עס טראָגן זיך מעשונעדיקע שפּרוכן
וועגן אויסגערונענע קויכעס
אויף שטיין און שטאָל און אייזן,
וועגן אומגליקלאַכער זנות און מעשוגאַס,
וועגן הייסע טרערן אונטער פלייש און ביין.
וועגן אויסגעצערטן מאַרך און אויגן,
מיילער, פּענימער אויף פלאַכן בלוט,
ווי בלאַטע,
און פוילן געשטאַנק פון מענשן.

דורך דער נאַכט
וויינט אַן אָפּגעקילטע דלאָטע
אין אַ ווינקל פון מיין הויז,
וויינט דער האַק,
וויינט דאָס ניט באַדאַרפטע רויב,
און ווי אַ מויז
גריזשעט אויס די נאַכט מיין זעל.

ערגעץ דרעמלט אַ ברייט־ברוסטיק ליד
פון אַ מענשן ניט געקומעענם,
ערגעץ הויכט אַן אויסגעלייטערטער אָטעם
פון אַ לעבן ניט פאַרנומענעם.
ערגעץ גרייט מען צו פאַר אונז
באַגינען פון אַ נייעם מאָרגן.

און איך כאַפּ זיך אויף,
קלינג אין גלאָקן
נאָך ניט געזעענע,
און עס כוואַליען בונטן זונען־פאַסן
איבער אָפּגעפרישטע פלאַכן,
איבער אויסגערוטע שטעט
און איבער קוואַרים.
און עס שמעקט מיט פרישן מאָרגן,
שרייענדיקער פרייד,
וואָס האַמערט גראַניטנעם גלוט
פון אונזער בלוט.

און עס שמעקט צעפּוילטקייט
פֿון מיליאַסן קוואָרים,
טיפֿע שאַכטן,
בייכעדיקע בערג
און וואַרים-פֿאַרעדיקע שטאַלן
ביי ברעגן שטעט, וואָס שאַלן
זייער גרויסע פֿרייד.
און די שלאָפֿנדיקע רויטע טייכן,
וואָס ליגן ערגעץ טיף באַהאַלטן
אין די קאַלטע פֿעלזן-שפּאַלטן
פֿון דער מאַמע-ערד —
וועק איך אויף,
און זאָג אָן בסורעס פֿון דעם נייעם מאָרגן
דורך דער גאָרער וועלט.

שטעט און שאַכטן,
רויע פֿלאַכן,
פֿעלזן-שפּאַלטן,
טייכן,
יאַמען
נעם איך אַרויס פֿון די ברעגן

און וואַרף זיי אריבער
דאָרט וואו מען דאַרף,
צו היילן געלונקענע אייוורים,
אויסגלייכן קרומקייט,
אויסלייזן שטומקייט, געליימטקייט פון דער גאַנצער וועלט.

שטאַרקער פון שטאָל און פון אייזן
שטאַרקער פון טויט —
איז די וועלט.
שטאַרקער פון שטאָל און פון אייזן
שטאַרקער פון טויט —
איז די פרייד.

דורך שוויים און מאָזאָליעס,
דורך ריזיקע וואַלנדע פלאַכן,
דורך שטאָלענע שטעט
פלאַסטערט מען ערגעץ אַ וועג
פאַר דער פרייד,
און איך וועל דער אָנווייזער זיין
פון דעם זוניקן וועג.

דינער און שמעלער
ווערט מיין געביין,
אויסגעצערט, לייכטער
ווערט מיין געביין.
און קומען וועל איך
אָן אַ גוף,
זיך אויפלייזן,
שוועבן
איבער טהוימעס
פון נאָך ניט פאַרשטאַנענע אויצרעס,
און מאַכן זיי ליכטיקער, בלויער.
און טרייבן קאַטאָוועס
מיט פריידיקע וועלטן,
און שמייכלען צוזאַמען
מיט קילנדע זונען,
און כּאַווערשאַפט פירן מיט גאָט.

רויטע מאָרגנס

שפּילן אויסגעצערטע הענט אויף טויטע צווייגן
לאַנגזאַמע געזאַנגען
וועגן רויטע מאָרגנס.
פאַלן הייסע טראָפּנס פון די צווייגן
אויף מיינע ברעמען
און צעגיסן בלענדנדיקע פליינען
אין דער פינסטערניש פון נאַכט.
פאַרטאָג וועל איך אויפגיין אין אַ רויטן רעגנבויגן
און עס וועלן אַלע יאַמען רוען
אין דער רויטקייט פון מיין שיין.
און ווען אַ יונגער גאָט וועט זיך באַווייזן
אויף דעם אויבערפלאַך פון יאַם
וועל איך אים איינרוימען דעם סאָד פון רויטע מאָרגנס.
איבער אונזערע קעפּ
וועט קרעפטיק אָטעמען זיין הויך.
ער וועט ברענגען מיט זיך אונזער צאַר,
און וועט אונז באַווייזן אונזער פאַלן.
מיט זיין אָטעם וועט ער ברענען שטעט און יאַמען
——רויטע שטעט און רויטע יאַמען —
און אַליין פון אונטער כורוועס
וועט ער אויפגיין אין אַ זוניקער געשטאַלט
און שיינען איבער אונז.
אין דינע וואָלקנס וועלן מיר צו אים זיך ציען
אין דער הויך,
און רוען
אויף דעם טויט פון אונזער גוף.

דאָס געוויין פון ווינטער-לאַנד

עס רייסט דער פראָסט זיך דורך די שפּאַלטן פון די ווענט,—
דאָס וואַלד-הויז ראַנגלט זיך מיט שניי, מיט פינסטערניש
און ווילדן ווינט.
די דריטע נאַכט שוין ווי דער פייער איז פון הויז געראויבט
און ער ליגט אַלץ נאָך דאָרטן אין דעם ווינקל איינגעדרייט.

די נאַכט איז הויך און איינזאַם, ווייט און זילבער-שוואַרץ.
פון אונטער שניי ווײנט שטיל דאָס גאַנצע ווינטער-לאַנד
נאָך וועגן, טריט און ווידערקאָל.

לאַנגע שאָען האָט דורך ווייטן פלאַך און וואַלד און ווינט
אַ לייכטנדיקער היטער צו דעם הויז געגענט
און דורך די שפּאַרעס איז ער לייכט אין הויז אַריין.

דורכזיכטיקע זיינען זיי פון הויז אַרויס,
פאָרויס דער אַלטער היטער האָט געשוועבט
און הינטער אים דער ניי-געבוירענער
ווי ער וואָלט דאָס ערשטע מאָל צו הימל-טויערן געגאַנגען.

דאָס אַלטע הויז איז כאָרעוו שוין פון לאַנג
און ס׳ווײנט דאָס גאַנצע ווינטער-לאַנד,
וואָס פרעמד איז אים דאָס האַרץ
פון דעם וואָס ליגט צווישן כורוועס
מיט דעם טויטן פּאָנים צו די שטערן.

צום ווייטן, ווייסן האָר

וואָס דרעמלט שטיל דיין קאָפּ אין אַשיק־דורכגעברענטן צאַר,
ווער האָט פּאַרטונקלט דיינע זילבערנע געמיטן,
דו פרייד, דו ליכטיקע, דו שנייאיק, שטאָלצער האָר,
ווער האָט פאַרלאָשן אין דיר דיינע הייסע קופּער־בליטן.

אומענדלאַך איז דיין לאַנד, און בלאַנקער שטאָל —— דיין
יעדע פעסטונג,
עס ווינט געטריישאַפט פאַר גרוים פרייד צו דיר.
די וועלט איז גוט, און שטאַרק און פּראַסטיק־יונג
און דורכזיכטיק איז הימל, ערד און עמעס ביי דיין טיר.

וואָס אַשן דיינע אויגן אין אַ פייער־קילן פּיין,
הייב אויף דיין קאָל, באַפעל און אַלץ וועט לויט דיין ווילן
ווערן,
ס׳גייט אויף אַנטקעגן דיר דער נאָרדלאַך־שטראַלנדיקער שיין
און שוינלאָז ברייטן זיך אויף אונז דיינע רואיק־וואַנזיניקע
שטערן.

דערוואַכונג

ווי אין כאַלעם, שטאָלץ און אומפאַרשטענדלאַך, האָט דעם
טאָג געוועקט
דער קריגערישער, גרויזאַמער טראָמפּייט
און פייערלאַך האָט די יונגע זון אויף אים געבלאַנקט.
עס האָבן ראַש געענטפערט כוואַליעס פון דער שטאָט
קינד און קייט האָט אָן אויפהער ברייט געפּלייצט
צום מאַרק.
טויטלאַך-רואיק איז מיין האַרץ געבליבן,
לאַנגזאַם האָט שיגאָען שטיל אין מיר געצאַנקט.
שוין שאָען ווי די שטאָט איז וויסט
און ליכטיק שיינט די צערטלאַכקייט פון טויט.
ערשט שפּעט אין טאָג האָט מען מיך צום מאַרק געבראַכט.
די זון איז מיט'ן סוינע אויפגעגאַנגען און מיט מיר פאַרגאַנגען.
ווען נאַכט איז צוגעפאַלן איז שוין טויט געוועזן אויך
דער טאַליען, קרייץ, דער מאַרק און פאָלק.
טהאָמען שטילקייט זענען זיך פאַנאַנדער אין דער הויך,
פייערלאַך און רואיק האָט לעוואָנע-שיין געהעלט,
לאַנגזאַם האָט געהיימניספולער וואַכן צאַרט אין מיר
געקוועלט,
כאַלעם-רויש, וויסע הויכע פליגל,
מאָרגן-דעמערונג, גאָלדיק-קילע שטייגנדיקע בלויקייט
און ס'האָט דער טאַליען, פאָלק און קרייץ און גאָט געהערט
דאָס שטראַלנדיקע וואָרט
פון דעם אויף וועמען ס'האָט אַ נייע זון געבלאַנקט.

צוריק

וואָלקנס טויטע פויגל איבער דיר דו כורווע פון מיין שטאָט.
אַלע וועגן, וואָס האָבן פון דיר געפירט זיינען טויט.
נאָך טויטע קלאָג איך ניט.
איך בין צוריק געקומען צו זיין געפּרואווט פון גאַל־וואַסער
און וואַלד־וואָרים.
עס איז מיין האַרץ צעבראָכן,
נאָר מיין זעל האָב איך ניט אָפּגעקערט פון דיר.
מיט'ן אָנקומען פון יעדער נייער נאַכט
פלעג איך אויפסניי דאָס בענקענדיקע בלוט דערפילן
און כ'פלעג זיך נויטן ניט צו צערטלען שפּיז און שווערד
און סינע צו מיין ווייסער הויט.
איך וויל ניט שאַלטן איבער פרעמדע טרוימען מער.
עס קומען בערג און בייטן זייער גרונט,
נייע הימלען וואַרטן אויף מיין טויט,
און ס'לאָזט מיר וויסן אַלעמאָל דאָס פייער, וואָס אין מיר,
אַז קיינער וועט זיך קיינמאָל ניט דערוואַרטן אויף מיין טויט.
עס וועלן אייביק מיינע כורוועס אויסוויינען די נאַקעטקייט,
און לערנען מיך די אייטלקייט פון מענש.
פון דאָרטן, וואו איך וואַך אַ גאַנצע נאַכט
און רו באַגינען,
בוי איך מיט שטראַלנדיקע הענט
הינטער הימלען, אונטער ערד און הינטער וואָר
פאַרנונפט און זין און אייביקייט.

דער לעצטער זיג פון אונזער אַלטן קריגער

טיף אין דעם נאַכטלאַכן טאָל שלאָפט שטיל דאָס בלויע
וואַסער־שטאָל.
עס האַלטן נעפּלען אַלע פעלזן־בערג אַרום פאַרהילט
און שטילן איין דעם סוינעס שלאָף מיט זאַטער פינסטערניש
און רו,
און אונזער פירער איז שוין מיד פון יאָרן און געווער.
עס כאַלעמט זיין געטרייער טייך פון שלאַכט און זיג און
פייער־יובלען ביי די ברעגן,
און צערטלט הונגעריק די טויטע אויגן פון דעם אַלטן קריגער.
און ס'וויים דער טייך, אַז נאָך דער נאַכט
וועלן סאָוועס שפּרייטן אויפ'ן הימל ליכט,
און ס'וועט אַ פיש זיך שלאָגן אָן די שטיינער פון זיין ברעג
און שלאַנגען וועלן אויפוועקן דעם סוינעס פייערן און שווערד.
עס האָבן וואַלד און פעלז און נאַכט געהערט דעם טייכ'ס
געבעט,
זיין שטילן מאָנען רעטונג פאַר זיין אַלטן האַר,
און ס'האָבן בלויז געענטפערט דורכגעשרייען פון דעם סוינעס
וואַך.

און ס'כאַלעמט זיך דעם טייך —
עס טראָגן שוין די שפּיצן בערג דעם געלבלאַכן באַגינען
און וואו ניט וואו פּלאַצט אויס אַ פייער אין דער ווייט.
עס ראַשן זיינע מאַרגנדיקע וואַסערן אין פרייד
און אונזער אַלטער קריגער מיט אַ טויטן שמייכל
אויף זיין בלוילאַכן געזיכט
גייט אויף אַ שטראַלנדיקער צו דער זון.

אליין בין איך...

(סאָנעטן־קראַנץ)

ג

אַליין בין איך ווי אָוונטלאַכער טוי צו שטערן,
פֿאַרנעפּלטע לעוואָנע־שיין און שטויב פֿון יעדן וועג,
וואָס זוכט און גאַרט דאָס ליכטן פֿון דעם צוגעזאָגטן ברעג.
דעם ברעג, וואָס דאַרף אַ שטראַנלדיקע וועלט געבערן.

עס כּאָלעמט אַלעמאָל אין מיר אַ וואונדערלאַכער שטעג,
וואָס ברענט און לאָזט זיך פֿון אַ פֿינסטערניש פֿאַרעצרן,
פֿאַרשווינט און הייבט אָן ווידער אין מיין האַרץ, מיין לערן,
זיך וועבן, אויפֿקומען און כּאָלעמען דורך נעכט און טעג.

עס קומט ווער אָן, פֿאַרשווינדט, באַווייזט זיך, ווערט ניט ווידער,
און ווידער וואַכט דער טוי פֿון נאַכט אין קילער שטויב פֿון פֿעלד.
עס צינדט זיך אָן אַ שטראַל, צערינט אין מיינע גלידער,
דער העלער אָנזאָגער פֿון ווייטער אויסגעטראַכטער וועלט.

עס וואַכט די נאַכט, עס שטייען שוואַרצע שטילקייטן פֿאַרקלערט,
צומאָל בליצט אויף אין מיר דאָס שטראַלן ווי אַ בלאַנקער שווערד.

2

צומאַל בליצט אויף אין מיר דאָס שטראַלן ווי אַ בלאַנקער
שווערד,
עס רייסט די ברעגן פון מיין זעל אַ העלער פייער
און שפּרייט זיך שנעל דורך גאָר דעם וועלטס צעפּראַלטן
שייער
און זוכט דעם גרויסן נעס, וואָס האָט פון מיר זיך אָפּגעקערט.

עס שווימט אַ שוועל אויף דורך דעם פייערדיקן שלייער,
מיין שפּעטער אָנזאָגער, וואָס האָט מיין לעבן מיר צעשטערט
און רייסט מיט בענקשאַפט זיך צו מיר, ווערט פלוצים שנעל
פאַרצערט,
שרייט ווייט אַ שטים: „שטיי אויף, דו ליכטיקער
באַפרייער".

אַ ווייסע נאַכט, אַ קראַנקע נאַכט און אַלץ אַרום מיר העלט,
עס פליסטערט אין מיר מידקייט, עמיץ וויינט נאָך שטילער,
מיין פּאָנים קער איך אום, ס'איז קיינער ניט ביי מיר אין
צעלט.
די אויגן קלעפּן זיך צום שלאָף, מיין בלוט ווערט קילער.

איך הער עס שרייט ווער ווי אין כאַלעם: „כ'האָב זיך
אומגעקערט,
געבוירן בין איך זיין דער נאָווי פון דער אוונט-ערד".

3

געבוירן בין איך זיין דער נאָווי פון דער אָונט־ערד“,
האָט מיר געדאַכט עס האָט געשריען ווער אין פלאַמען,
איך עפן אויף די אויגן, עמיץ האַלט אין ראַמען
די ווינקלען פון מיין הויז און ווינען אַלץ ניט אויפגעהערט.

און פלוצים ווידער: „איך וועל קיינמאָל ניט פאַרזאַמען,
מיך טראָגט אַ שטראַלנדיקער טייך, וואָס האָט דיין רוף
באַגערט,
איך קום שוין אָן. פון דיין געדולד און נויט ווער איך
גענערט“,
און טרינקט מיט מיר זיך אין דעם שטראַלן־טייך צוזאַמען.

איך עפן ווידער אויף די אויגן, — שטיל, לעוואָנע־נאַכט, —
אַ מידע אומרו צו דער לויטערקייט דער בלויער
וואַכט אויף אין מיר, עס שלומערט שטילקייט כווישעכדיק
פאַרטראַכט
און לאַנגזאַם וועבט זיך אַ געוויין צום שטומען טרויער.

ס׳גייט אויף אַ רויטקייט שוין אַ נייעם טאָג באַשווערן,
פאַר בלינדע נאַכטוואַנדלער אַ העלזעער צו ווערן.

.4

פאַר בלינדע נאַכטוואַנדלער אַ העלזעער צו ווערן.
האָט היים מיין בלוט געבענקט און ס'פלעגט ווי לאַווע זיך
צעגיין
אין מיינע מידע אויסגעצערטע גלידער אַ געוויין
און לאַנגזאַם פלעגן אויפגיין אונטער וויעס טרערן.

געבוירן ווער איך שטום און בלינד, אַ נאַכטוואַנדלער אַליין,
מיך פלעגט לעוואָנע־ליכט אין בלויע נעכט פאַרקלערן,
לייכט אָפּטיילן פון גוף, אין לופטיקייט באַקערן
און שוועבן מיט מיר איבער טייך־פּלאַך, הייזער, גראָז און
שטיין.

נאָר דו, קום אָן פון דיינע זונעדיקע טיפן,
עס איז אַלץ דורכדרינגבאַר, דו מיין פאַרבאָרגענער געמעל,
מיין האָפן וויגט זיך שוין מיט שטראַנלדיקע שיפן
און רופט דיך דורך דער פינסטערניש צו זיין פאַרלאָזטער
שוועל.

איך וואַרט נאָך אַלץ, כ'האָב מיינע טויערן אַליין צעשטערט,
מיט בענקשאַפט האָט דאָס פינסטערניש מיין קינדהייט שטיל
גענערט.

.5

מיט בענקשאַפט האָט דאָס פינסטערניש מיין קינדהייט שטיל
גענערט
נאָך דיר, פאַרבאָרגענע געשטאַלט, דיין סאָד, דיין נאָמען,
און פרידלאַך־טויט מוזטו דאָרט זיין, נאָר ס׳ברענען זאָמען
פון פיינלאַך־הייסן רוף צום לעבן, וואָס איז מיר באַשערט.

אַ לאַנגע נאַכט. עס הילכן רייטער, פערד, עס שטראָמען
ווילד־מאַניענדיקע קוילעס ביז אַצינד נאָך ניט געהערט,
אַ רעגנבויגן פלוצים האָט דאָס פינסטערניש צעשטערט,
באַשטראַלט די גאַנצע וועלט, פאַרשווינדט אין פינסטער־
טהאָמען.

אַ לאַנגע נאַכט. אַ לינדער שיין באַלייכט אַ הויכן וועג
דורך ווייטע בערג און פלוצים שטייגט ווער דאָרט צום הימל,
און ווידער שטאַרקע הילכן, ווייטע שאַלן אָן אַ ברעג
און לאַנגזאַם שטילט עס איין, פאַרוויגט אין וויטן דרימל.

עס פלעגט פאַר מיר מיין כאַלעס ווערן און ניט ווערן,
איך פלעג פאַרגיין פון דורשט נאָך ליכטיקע באַגערן.

6

איך פלעג פאַרגיין פון דורשט נאָך ליכטיקע באַגערן
אין טיפע שוואַרצקייטן, וואו ס'פלעגט מיך רופן גאָט'ס
געשטאַלט,
און כ'האָב געזען אים אָנקומען אויף מיר, ער האָט
געשטראַלט,
מיך דורכגעברענט מיט זיך, ווי ער וואָלט מיך פאַרצערן.

און איך בין אויפגעגאַנגען אין אַ ווייטער וועלט, וואָס האַלט
אין אויסוויקלען אַ נייעם הימל, און אים קווערן
מיט יאַמען ליכט, און וועבן, וויקלען און פאַרמערן
און שפּרייטן רו און זין דורך יעדן זוים און פאַלד און שפּאַלט.

עס שווימען מיר פאַרביי מיין צעלט דורך נאַכט-געוועבן,
אַ שטעג פון צווישן בערג, אַ ראַשער שטראַלנדיקער טייך,
אַ העלזעער, אַ נאָווי, וואַנדלער בלינדע שוועבן
איך וואַך אין איטלאַכן און טראָג זיך דורכ'ן זונען-רייך.

מיט ווייטן זינען פלעגט מיין נייע זעל זיך נערן,
דאָס פּנים טויט פון שטילע ברענענדיקע טרערן.

.7

דאָס פּנים טויט פון שטילע ברענענדיקע טרערן,
די שטילע פרייד, די ליכטיקע פון האַלב-געליימטן גוף,
די שטילער צאַר פון הערן ווייטסטן הויך און טיפסטן רוף,
די צאַר, די פריידיקער, פון אויפגעריכט צו ווערן.

שטיי אויף, די שטראַלנדער, און קיינעם ניט צו זיך פאַרוף,
אין דיר די פייערדיקע שטראַף-רייד זאָלסט צעשטערן,
און קיינער זאָל דיין פלאַמענדיקן צונג דערהערן,
מיט זיך אַליין זאָלסט לייטערן דעם זין פון דיין באַרוף.

די גרויסער סאָד פון צאַמען זיך, די זין פון לעבן,
די פרייד פון פולע פרילינגס, פרייד פון ווערן ווידער יונג,
די זעליקייט פון טונקלקייט אַרויסצושוועבן
און טראָגן מיט זיך שוויגן פון אַ פייערדיקער צונג.

גיי דורך דעם וועג אַליין צו זיך, ס'זאָגט אַלץ אין דיר און הערט:
„אַ נייע זון, אַ לויטערע האָט שטיל מיין האַרץ געבערט".

.8

אַ נייע זון, אַ לויטערע האָט שטיל מיין האַרץ געבערט,
ס׳אַנטפּלעקט זיך יעדער סאָד דורך רייפקייט פון מיין ווילן,
עס פירט מיך יעדער וועג דורך אַלע מיינע צילן,
און ס׳האָט מיין האַרץ קיין איינציקע באַוועגונג ניט
פאַרהערט.

ס׳איז אַלעס אָפן — מיך וועט קיין זאַך ניט דערפילן
איך זע מיין יעדן טראָט פאַרוים פון קיינעם ניט געשטערט,
ס׳נעמט אַלצדינג אָן מיין האַרץ, עס האָט מיר קיינער ניט
פאַרווערט
צו צינדן נייע שיינען אין מיין צעלט מיין שטילן.

מיין הייסע דאַנקבאַרקייט צו דיר, דו הייליקע פאַרנונפט,
דו הימל-קלאָרער, פעלזן-שטאַרקער וועג צום גלויבן,
צעברעך מיין ווילן-מאַכט, וואָס גרויזאַם איבער מיר
טריאומפט,
באַפריי מיין האַרץ פון מיינע ברענענדיקע רויבן.

מיין לעבן ווערט צעשטערט דורך טויטלאַך-שאַרפע דראַנגען,
מיין לאַנד איז וויסט און כאָרעוו, רויב פאַר וועלף און
שלאַנגען.

9.

מיין לאַנד איז וויסט און כאַרעוו, רויב פאַר וועלף און
שלאַנגען
און דו, מיין זעל, ביזט אַשיק, אַלץ איז כּוישעכדיקע נאַכט,
וואָלסט כאַטש אין שיין פון טאָג דעם סוינעס שווערד אויף
מיר געבראַכט
און וואָלסט כאַראַטע ניט געזיים אין שאָ פון פאַנגען.

כאַראַטע — העלער פייער זאָל פאַרשילטן דיר דיין טראַכט,
און דיך, דו טרוימער, מיט די זיסע טרייסט־געזאַנגען,
דו צאַרטער נאַר, וואָס ברעכסט זיך אויף לעוואָנע־שטאַנגען
און גרויסטס זיך לעבנסלאַנג מיט שקיעס טרויעריק,
פאַרשמאַכט.

און בלויז מיט ווערטער טרייסטו דיינע שכיטע־ברידער,
אַ העלזעער, אַ נאַווי, גאָט אַליין האָסטו געבענקט
צו ווערן מיט דיין פּאַזע, טרערן און מיט לידער,
דיך האָט לעוואָנע־כאַלעם מיט אַן אײדלקייט באַשענקט.

עס וויינט די שווערע נאַכט און ברענט אין מיר ווי סינע רויט,
בין איך אַוועק אין בערג און היילן — שטילן צאַר און נויט.

.10

בין איך אוועק אין בערג און היילן — שטילן צאַר און נויט,
דער גרויסער אומגליק איז אַ טרייסט פאַר מיר געוואָרן,
מיט ווייסן שוים צומאָל האָב איך מיין זין פאַרלאָרן,
זיך אויפגעכאַפּט, געפילט אַ פייכטן זילבער אויף מיין הויט.

און ווידער — היילן, בערג, ווי ס'וואָלטן פליסן יאָרן,
געבענטשט זאָל זיין די שווערע מי, ווי זיסער סאַם דער טויט,
וואָס האָט פון סינע מיך באַפרייט און האָט מיין האַרץ געבויט,
מיין האַרץ — די שטראַלנדיקע טרייסט פאַר מיין זיקאָרן.

און ס'איז דער טעמפּער לאָם אַרויסגעפאַלן פון מיין האַנט,
עס נענען פון דער ווייטן פייערדיקע פורן,
אין טאָל האָט אָנגעהויבן רופן מיך די אַלטע וואַנט
און ווײנען שטיל נאָך מיינע לאַנג-פאַרמעקטע שפורן.

מיט העלן צאַר האָב איך דורך מיינע זון-פאַרגאַנגען
זיך אומגעקערט צום סוינעם פייער, שווערד און צוואַנגען.

11.

זיך אומגעקערט צום סוינעס פייער, שווערד און צוואַנגען
האָב איך אַליין אַמאָל אַ דורכזיכטיקער, לייכט ווי שלאָף
און טראָגנדיק א שטילן שמייכל פאַר דעם סוינעס שטראָף,
אַ ליכטיק האַרץ, וואָס האָט געבענקט נאָך אונטערגאַנגען.

געטראָפן ניט קיין סאָנים —— סטאַדעס שרעקעדיקע שאָף,
געליימט איז שווערד ווי אַ געדאַנק פון טויט געפאַנגען,
עס האָט געוויינט דער האַס, איז ליכטיק אויפגעגאַנגען
שטיל ציענדיק דאָס האַרץ אַרויס פון בענקשאַפט נאָך איין סאָף.

און וואָס איז סוינע, שטראָף און אונטערגאַנג און לעבן
און וואָס——נעקאָמע, וואָס גייט דורך דורך אַלעמען און מיר?
און טויטלאַך-שיין איז אַלץ און זעליק איז דאָס שוועבן
דורך ליידן, מי און קיווער, דורך דעם צאַרטן טויט׳ס באַריר.

די לעצטע רו ווי שלאָף האָט מיר אַ וויטן סאָד פאַרטרויט,
איז אויפגעגאַנגען פרייד אין מיר, מיך פירנדיק דורך טויט.

.12

איז אויפגעגאַנגען פרייד אין מיר, מיך פירנדיק דורך טויט
און ווידער וואַכט לעוואָנע־שיין אין מידע ראַמען
פון נאַכטוואַנדלער און אויסגעצערטע נאָווים פלאַמען,
און רופט מיך אויפגיין אין דער נאַכט, און קילט אין מיר און בלויט.

און פריידיקט זיך, ווי דאָס געוויין פון שטילע יאַמען,
ווי ס׳וואָלט געזוכט מיליאָסן וועגן דורכגיין דורך מיין הויט,
וואָס איז פון לאַנג מיט פייכקייט פון דער קילער ערד באַטויט
און כ׳פיל, ווי צאַרטע הענט באַפרייען מיך פון צאַמען.

און ציען מיך פון קנוילנדיקע שוואַרצקייטן אַרויס
ווי כ׳וואָלט אין שווינדלדיקע טיפן זיך פאַרלאָרן.
עס קומען אַלע וועגן און זיי ווערן איין וועג בלויז,
און וואונדער —— איך אַליין בין אַלע זיי געוואָרן.

עס פאַלן איינער נאָך דעם צווייטן אַלע צוימען,
כ׳גיי אויף דורך כורוועס, בלוט און קוואָרים ווי דורך טרוימען.

.13

כ׳גיי אויף דורך כורוועס, בלוט און קוואָרים ווי דורך טרוימען,
ווי איך אַליין וואָלט גאָר אַ ווייטער נעפּל-כאַלעם זיין,
ווי ס׳וואָלט אַ טיפער שלאָף נאָך אַלטן קישעפדיקן ווייַן
מיך פירן שטיל דורך ווייטע שוואַרצנדיקע שוימען.

עס שווימט מיר ווידער אויף דער אַלטער וועג פון שאַרפער
פּיין,
דער טויטלאָך-שווערער וועג פון פייער, שווערד און טהוימען
און ווידער——שפּיצן בוימער, פון מיין צעלט דער קוימען,
פאַרשווינדט——און ס׳נעמט מיך ווידער צאַרט אַרום
לעוואָנע-שיין.

און זין איז——איינצאַמען דאָס ברויזן פון די יאַמען
און דורכגיין שטיל דורך אויפגאַנג, אונטערגאַנג און לעבנס-
שטיך,
און זין איז——איינצאַמען דעם דורשט פון אַלע ראַמען,
דערהערן שאַרף דאָס שטילע, ווייטע אָפּטיילן פון זיך.

און פילן סוף, איין-סאָף און פליסנדיקע זוימען
און שטויב ווער איך, און זון און אויפגייענדע רוימען.

.14

און שטויב ווער איך, און זון און אויפגייענדע רוימען,
און הימל, שווערד און ווערים, פרייד און טונקעלער געמיט,
דאס הארץ, וואס איז שוין טויט, דאס שטילע פייער־אש, וואס
גליט,
די האנט וואס צאמט און יאמען ברויזנדיקע שוימען.

און גוט איז, וואס איך בין אן איינזאמער מיט ווייטע טריט,
מיין לעבן קען, כוץ מיר, מיר קיינער ניט פארצוימען
און קיינער איז מיין האר, האר איבער מיינע טרוימען,
וואס וויקלען מיינע לעבנס דורך א וואונדערלאכן צוויט.

און וואונדערלאך ביזטו, מיין איינזאמקייט, דו שטילע,
און אלץ ביזטו, און אלץ איז שווארץ פארבארגן טיף אין דיר,
און ס'וואנדערט אום דיין זעל דורך אייביקייטן קילע
און בענקסט צוריך זיך איינצוראמען אין יעטוועדן ריר.

און אלץ איז וואונדער, אלץ איז סאד, פארשטענדלאך און
פארשטעלט,
אזוי ביזטו מיין איינזאמקייט, דו הערשאפט פון מיין צעלט.

.15

אליין בין איך, ווי אָוונטלאַכער טוי צו שטערן,
צומאָל בליצט אויף אין מיר דאָס שטראַלן, ווי אַ בלאַנקער
שווערד,
געבוירן בין איך זיין דער נאָווי פון דער אָוונט-ערד,
פאַר בלינדע נאַכטוואַנדלער אַ העלזעער צו ווערן.

מיט בענקשאַפט האָט דאָס פינסטערניש מיין קינדהייט שטיל
גענערט,
איך פלעג פאַרגיין פון דורשט נאָך ליכטיקע באַגערן —
דאָס פאָנים טויט פון שטילע, ברענענדיקע טרערן,
אַ נייע זון אַ לויטערע האָט שטיל מיין האַרץ געבערט.

מיין לאַנד איז וויסט און כאָרעוו, רויב פאַר וועלף און
שלאַנגען,
בין איך אַוועק אין בערג און היילן——שטילן צאַר און נויט,
זיך אומגעקערט צום סוינעס פייער, שווערד און צוואַנגען,
איז אויפגעגאַנגען פרייד אין מיר, מיך פירנדיק דורך טויט.

כ׳גיי אויף דורך כורוועס, בלוט און קוואָרים ווי דורך טרוימען,
און שטויב ווער איך, און זון און אויפגייענדע רוימען.

צו דער וואָס נענט...

(ווילאַנעלן)

.1

איך בין אַהער געקומען ווי אַ ווייטער שלאָף,
צונויפזאַמלען דאָס ליכט, וואָס טונקלט אויף דער ערד,
און שוועב אַ פריידיקער צו ברעגן פון איין־סאָף.

דורך אַלע שטרויכלען, צייכנס ביז׳ן לעצטן טאָוו
גיי איך אַדורך, ווי דורך דעם זיסטן שאַרף פון שווערד —
איך בין אַהער געקומען ווי אַ ווייטער שלאָף.

עס מעג מיין האַרץ פאַרגיין פון רעכט־פאַרדינטער שטראָף,
מיך אַרט ניט דאָס, וואָס איז פון לאַנג פאַר מיר באַשערט,
איך שוועב אַ פריידיקער צו ברעגן פון איין־סאָף.

זאָל אַלץ, וואָס איז געווען און אַלץ ,וואָס כ׳פיל און האָף
פאַרגיין ווי שטערן־גאָלד, וואָס ווערט פון טאָג פאַרצערט,
איך בין אַהער געקומען ווי אַ ווייטער שלאָף.

דאָ זאָל פאַרוועלקן נאָר דאָס קלייד פון לאַמעד־וואָוו,
אין האַרצן בין איך פריי ווי פון דעם ווינט גענערט,
איך שוועב אַ פריידיקער צו ברעגן פון איין־סוף.

איך בין אַ צייט אַ שקלאַף געוועזן ביי גאָט׳ס שאָף,
עס האָבן דערנער שטעכיק זיך אין מיר געמערט.
איך בין אַהער געקומען ווי אַ ווייטער שלאָף
און שוועב אַ פריידיקער צו ברעגן פון איין־סאָף.

2.

דו וואָרצלסט זיך מיט מיר פֿון זעלבן ווייטן שטאַם
און ס׳נייגט מיין לייכטער וועג זיך צו דיין האַרצן לינד
און אָפּט דערזע איך דיך אין שנייאיק־קלאָרן פֿלאַם.

דו מעגסט זיך זיין ווי ווייט און טיף אין יעדער ראַם,
ווי שטילע זעליקייט אין זעל פֿון בייזן ווינט...
דו וואָרצלסט זיך מיט מיר פֿון זעלבן ווייטן שטאַם.

ס׳פֿאַרשטעלן וואָלקנס דיך אַמאָל אין הויכן יאַם,
איך צי זיך איצט אַהיים, איך, דיין פֿאַרלאָרן קינד
און אָפּט דערזע איך דיך אין שנייאיק־קלאָרן פֿלאַם.

דו דאַרפֿסט ניט אָפּראַמען פֿון מיר דעם קלענסטן צאַם,
מיך פֿירט אַריבער אַלץ דיין ליבשאַפֿט, שטיל און בלינד —
דו וואָרצלסט זיך מיט מיר פֿון זעלבן ווייטן שטאַם.

ווי זוניק קומסטו ווען דיך רופֿט מיין צאַרטער סאַם,
ווי זוניק — מיט לאַזורע, שפּילעוודיקע הינט,
און אָפּט דערזע איך דיך אין שנייאיק־קלאָרן פֿלאַם.

דו ציטערסט אין דעם רויך פֿון הייליקן פּימיאַם,
איך דאַרף מער ניט קיין אָרט צו טרעפֿן דיך אצינד,
דו וואָרצלסט זיך מיט מיר פֿון זעלבן ווייטן שטאַם,
און אָפּט דערזע איך דיך אין שנייאיק־קלאָרן פֿלאַם.

3

געבענטשט זיינען די טעג ווען דו ביסט ביי מיין זייט,
עס שוועבן שטערן אונז אנטקעגן בלענדנד־ריין
און ס׳שמייכלט שטיל אין מיר א שרעקלאכער באדייט.

דו וועקסט באגערן אויף ווי פייגל אונטער זייד,
עס ווארימט זיך צו דיר א פריידיקער געוויין,
געבענטשט זיינען די טעג ווען דו ביסט ביי מיין זייט.

דו זוניקסט אומרו אין דער שא פון רויטער צייט,
מיין שווייגן הערט זיך צו און קען דיך ניט פארשטיין
און ס׳שמייכלט שטיל אין מיר א שרעקלאכער באדייט.

וואס לאזטו א צעבליטן מיך אין שטערן־ווייט?
וואס פרייט זיך ס׳הארץ, וואס איך מוז ביי דיין ברוסט
פארגיין?
געבענטשט זיינען די טעג ווען דו ביסט ביי מיין זייט.

אין כאלעם ווייזטו מיר פון ווארט די איטלקייט,
אז נאר דורך גוטע מיסים קען מען צו דיר גיין
און ס׳שמייכלט שטיל אין מיר א שרעקלאכער באדייט.

דו פורעמסט איבער וועלט און מענש און פעלד און בייט,
און ס׳רעדן מיט מיר וואלקנס, טייך און ברעג און שטיין,
געבענטשט זיינען די טעג ווען דו ביסט ביי מיין זייט
און ס׳שמייכלט שטיל אין מיר א שרעקלאכער באדייט.

.4

דו וועקסט אויף אַלע וועגן און דיין קומען שטראַלט
און כ׳מי זיך ביי דיין קני פון פינסטערניש און ליכט
און שטענדיק הער איך ווי דער לעצטער האָרן שאַלט.

איך וואַרט אויף דיר ביים סאַף פון ברענענדיקן וואַלד,
איך וואַרט נאָר אָנקוקן דיין נענענדיק געזיכט —
דו וועקסט אויף אַלע וועגן און דיין קומען שטראַלט.

איך שווער, ס׳איז בלויז מיין פּאָנים אומעטיק און קאַלט,
נאָר פריידיק איז מיין זעל, וואָס פיינקט זיך און איכט
און שטענדיק הער איך ווי דער לעצטער האָרן שאַלט.

נאָך פינסטערער פון קנעכט איז דער וואָס שאַלט און וואַלט,
איך שקלאַף און פריי זיך מיט דער אייטלקייט פון פליכט —
דו וועקסט אויף אַלע וועגן און דיין קומען שטראַלט.

און ווי איך זאָל ניט זיין ווען לעצטער שלייער פאַלט
וועט גוט זיין פאַר דעם הויכן עמעסן געריכט
און שטענדיק הער איך ווי דער לעצטער האָרן שאַלט.

איך שטיל די סאַם באַגערן וואָס מיין האַרץ באַהאַלט
און מינער אַלע מיינע סוידעס שיכט נאָך שיכט,
דו וועקסט אויף אַלע וועגן און דיין קומען שטראַלט
און שטענדיק הער איך ווי דער לעצטער האָרן שאַלט.

5.

ביים שטאַל ליג איך ווי אַ פאַרוואונדעטע גאַזעל,
ניט ווייט פון מיר אַ בלויער בלענדנדיקער שפּיז
און ס'שווייגט באַפלעקט מיט בלוט די דרעמלענדיקע שוועל.

איך וואָלט מיין קאָפּ געקילט אין דיין געהיימער וועל,
מיך טראָגן ניט ווי פריער מיינע שטאַרקע פיס,
ביים שטאַל ליג איך ווי אַ פאַרוואונדעטע גאַזעל.

איך וואָלט מיין פערד געגומען און געקומען שנעל,
שטייט ער אַ דולער אין מיין שטאַל און שמייכלט זיס,
און ס'שווייגט באַפלעקט מיט בלוט די דרעמלענדיקע שוועל.

שוין שאָען ווי ס'באַווייזט זיך אַלץ ניט דיין געמעל,
קום אָן, דעם סאָד און טרייסט, ווי זון פאַר אונז צעגיס,
ביים שטאַל ליג איך ווי אַ פאַרוואונדעטע גאַזעל.

מיין האַרץ איז צויבער-נאַכט — די וועלט איז גרוים און העל,
עס רוט אין מיר אַ פריידיקער פון וואונדן ריז
און ס'שווייגט באַפלעקט מיט בלוט די דרעמלנדיקע שוועל

עס מעג זיין אַלץ באַדעקט מיט לעגענדאַרער פעל
פון וואונדער אונז דערהייל און מיט אַנטפּלעקונג פליס,
ביים שטאַל ליג איך ווי אַ פאַרוואונדעטע גאַזעל.
און ס'שווייגט באַפלעקט מיט בלוט די דרעמלענדיקע שוועל.

6.

איך קום אַ פייערדיקער מיט דעם מאָרגן־רויט
אַריבער אַלץ וואָס ליגט איצט כאָרעוו אין מיין לאַנד,
איך שוועב דורך די צעשטערטע גרעניצן פון טויט.

דו שעמסט זיך, וואָס עס איז מיט מיר דיין קלייד באַטויט,
וואָס איך באַלויכט דיין ניי־געעפנטן ~~פּאַלינאַט~~, פּאָליאַנט
איך קום אַ פייערדיקער מיט דעם מאָרגן־רויט.

ביז בלינדקייט ביזטו שטראַליק הינטער יעדן שויט,
ווער קען מיין דורשט נאָך דיר פאַרבויען מיט אַ וואַנט?
איך שוועב דורך די צעשטערטע גרעניצן פון טויט.

איך טראָג די בריענדיקע פרייד פון וואַנזין־נויט
און פון די אויגן דעם מיט בלוט באַפלעקטן באַנד,
איך קום אַ פייערדיקער מיט דעם מאָרגן־רויט.

די ווייכע כוואַליעס פון דעם גאָלדיק־נייעם ברויט
דערציילן מיר די נאַרישקייט פון סוינעס האַנט,
איך שוועב דורך די צעשטערטע גרעניצן פון טויט.

ווי שאַרף עס זיינען דיינע פוס־טריט דורך מיין הויט,
ווי זעליק־שאַרף צו איינזאַמען מיט דיר ביינאַנד,
איך קום אַ פייערדיקער מיט דעם מאָרגן־רויט
און שוועב דורך די צעשטערטע גרעניצן פון טויט.

ז

פון יעדן אומגליק לויכט אַן אויפגייענדער סכאַר
און נאָר אין אומגליק זע איך קלאָר דיין וואָרן זין
און ס׳פרייען מיך די מאַטע פייערן פון צאַר.

אין כוישעך זילבערסטו זיך שרעקיק־וואונדערבאַר,
ווי די לעוואָנע־שיין אין טייכן שווערער צין —
פון יעדן אומגליק לויכט אַן אויפגייענדער סכאַר.

מיט דיין געבורט גייט אוים מיין ליגנערישער האַר,
און ס׳העלט דיין ריזן־שיינער בויך מיט יאַמען גרין
און ס׳פרייען מיך די מאַטע פייערן פון צאַר.

ווי שטיל עס וואַקסט דיין פרייד אין איינזאַמסטן ווירוואַר,
וואָס וועבט מיט טויטן, ווי אַ ריזנהאַפטע שפין —
פון יעדן אומגליק לויכט אַן אויפגייענדער סכאַר.

ס׳וועט גוט זיין אין דער וועלט דעם אָפּפאַל און דעם נאַר
ווען דו וועסט פרוכפּערן מיט מיר דעם נייעם מין —
און ס׳פרייען מיך די מאַטע פייערן פון צאַר.

עס טראָגט מיט זיך אַן אויסלייזונג דער שווערסטער גזאַר,
ווי כ׳טראָג דיין זיסטן שאַרף אין ציינער און אין קין,
פון יעדן אומגליק לויכט אַן אויפגייענדער סכאַר
איז ס׳פרייען מיך די מאַטע פייערן פון צאַר.